

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען גענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשה ראה
תשפ"ב לפ"ק
גליון רל"ד

## פראגע

### ויאזוי האבן מענטשן געלערנט מוסר בעפאר עס איז געווען די מסילת ישרים און חובת הלבבות?

## ענטפער:

**בעפאר** מיר האבן געהאט די ספרים האבן מענטשן געלערנט מוסר פון די **גמרא**, פון **משלי** און פון **ספר דברים**. דער של"ה הק' זאגט אז אין ספר דברים געפונט זיך אלע מוסר פון די מוסר ספרים.

די חילוק איז דאס: ווען **מיר** לערנען חומש, אויב איז עס פשוט, עס איז נישט שווער, לויפן מיר עס דורך. אבער ווען **זיי** האבן געלערנט חומש, אפילו די פשוט'סטע פסוקים פלעגן זיי גוט אריינטראכטן דערין. זיי זענען אריינגעגאנגען טיפער און טיפער אינעם פסוק און זיי האבן ארויסגעשעפט פון דארט מוסר. **ספר דברים איז דער אוצר הויז פון מוסר**. דאס איז זייער א וויכטיגער לימוד!

און דערנאך אודאי משלי. משלי פארמאגט אויסטערלישע לימודים. אלע דברי נביאים זענען פול מיט מוסר. אונזערע אור-עלטערן האבן געלערנט נביאים אויף אזא וועג וואס איז געווען שטערקער ווי סיי-וואס דער חובת הלבבות, אדער מסילת ישרים אדער שערי תשובה קען דיר לערנען. די פראבלעם איז אז היינטיגע צייטן האבן מענטשן פארלוירן די יכולת פון קענען ריכטיג פארשטיין און אויסנוצן די ווערטער פון די קדמונים, וועגן דעם איז געווארן וויכטיג צו האבן מוסר ספרים.

וואס די מוסר ספרים האבן געטון איז, אזוי ווי מען פלעגט אמאליגע צייטן אויסלערנען א בעבי צו עסן. דאס קינד האט נאכנישט געהאט קיין ציין. וויאזוי האבן די מאמע'ס צוגעגרייט פאר זיי דאס עסן, ווען מען האט זיי געוואלט אפגעוואוינען פון מאמע-מילך?! די מאמע פלעגט צעקייען די עסן אין איר מויל, און דערנאך עס אריינגעלייגט אין דאס קינד'ס מויל. אזוי פלעגט זיי. קודם האט עס די מאמע צעקייט און דערנאך עס געגעבן צעמאלענערהייט אין די בעבי'ס מויל. אזוי האט זיך דאס קינד אויסגעלערנט צו עסן.

די זעלבע זאך, ווען מיר האבן פארלוירן די פעאיגקייט פון קענען שפירן די עכטע באדייט פון די פסוקים פון משלי און חומש, און אזוי ווייטער, האבן מיר געהאט דעם חובת הלבבות וואס האט עס צעקייט און עס קודם פארדייט פאר אונז. אבער באמת האבן די פריערדיגע דורות פארשטאנען מוסר פול בעסער ווי אונז, אפילו אן די מוסר-ספרים וואס מיר האבן.

(#966)

## פראגע

### וויאזוי קען א מענטש איבערקומען שולד-געפילן, ווען מען טראכט צוריק פון טעותים וואס מען האט געמאכט און מען ווערט איבערגענוממען פון חרטה וויאזוי דאס לעבן וואלט געקענט זיין אנדערש ווען נישט די טעותים?

## ענטפער:

**היינט** צו טאגס איז דא א נייגונג פון באטראכטן שולד-געפילן אלס נישט גוטע געפילן. אייגנטליך איז שולד א נאטירליכע מתנה וואס דער באשעפער האט איינגעפלאנצט אין די מענטשהייט. חרטה איז גוט. שולד איז נישט שלעכט. אבער די חרטה דארף פירן צו רעזולטאטן, און עס זאל פירן צו ווערן בעסער און נישט איבערמאכן די טעותים וואס האבן געברענגט די שולד.

דאס מיינט אז עס דארף ברענגען צו טראכטן, פלאנירן!

קוק צוריק און זע וואס האט געפירט צו דעם טעות, אדער צו דעם וועג אין לעבן אויף וואס דו שפירסט חרטה, און פלאניר וויאזוי דו קענסט עס פארמיידן אין דעם צוקונפט. וואס קענסטו טון זיך צו דערווייטערן פון נאכאמאל דורכפאלן אין אזא זאך?

אסאך מאל פעלט זיך אויס צו הערן אן עצה פון א צווייטן, אבער סיי-וויאזוי איז די ציל פון שולד צו ברענגען אז מען זאל בעסער איבעררעכענען די שריט און צוגרייטן א בעסערן צוקונפט.

## פראגע

**פארוואס איז לערנען תורה אזוי וויכטיג אז מיר זאגן "ותלמוד תורה כנגד כולם", אז תורה וועגט איבער אלע מצוות?**

### ענטפער:

**תורה** ווערט פארערכנט אלס די וויכטיגסטע מצוה ווייל עס מאכט דעם מענטש. עס טוישט דיר.

יעצט די אמת איז אז א מצוה מאכט אויך דעם מענטש. **"למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי והייתם קדושים"** (במדבר טו מ) – טון מצוות מאכט אז דער מענטש זאל ווערן הייליג. יעדע מצוה מאכט דיר הייליג. אבער די מצוה פון תלמוד תורה טוישט דיין מח, און ווען די מח ווערט געטוישט איז עס די גרעסטע קדושה פון אלעם. וועגן דעם איז **"תלמוד תורה כנגד כולם."**

תורה לערנט אונז אויס צו טראכטן אזוי ווי השי"ת כביכול. ווען מען טראכט אזוי ווי דעם איבערשטן, איז עס די גרעסטע שלימות פון א מענטש; עס מאכט די גרעסטע טויש וואס מען קען מאכן. ווען מען לערנט תורה, לערנען מיר כביכול די מחשבות פונעם איבערשטן. אזוי טראכט דער איבערשטער, און אזוי וויל ער אז דו זאלסט טראכטן.

לערנען תורה מיינט אז דו לייגסט אריין אין דיין מח די מחשבות פונעם בורא עולם און דאס איז די גרעסטע דערגרייכונג. אפילו ווען מען לערנט בבא קמא, ארבעה אבות נזיקין, דער איבערשטער וויל אז יעדער איד זאל וויסן ווי וויכטיג עס איז אפצוהיטן א צווייטנ'ס פארמעגן, און דו לערנסט יעצט אויס דיין מח צו טראכטן וואס דער איבערשטער האלט וועגן דעם.

מען טראכט ווי ווייט מען דארף זיין פארזיכטיג ווען מען גייט אריין אין שול; דו ווילסט עפענען די פענסטער? שטופ נישט צו שטארק! דו קענסט צעברעכן דעם פארעם. דו קענסט זיין א מזיק. און די תורה לערנט אונז נישט צו מזיק זיין א צווייטנ'ס פארמעגן! ווי א וויכטיגע השקפה איז דאס! דאס איז געטראכט ווי הקב"ה טראכט!

און וועגן דעם איז "תלמוד תורה כנגד כולם", ווייל דו טוישט דיין מח צו א מח וואס טראכט ווי הקדוש ברוך הוא. (E-1)

## פראגע

**וואס זאל א מענטש טון אויב ער וויל שטייגן, אבער ער זעט אז עס פעלט אים די חשק אנצוקומען צו די פולסטע שלימות ווי ער וויל דערגרייכן?**

### ענטפער:

**קוק.** דא איז א מענטש וואס וואלט געוואלט ווערן א מיליאנער. ער גייט אויפ›ן גאס און ער זעט א צוואנציגער אויף דער ערד. יעצט צוואנציג דאלער מאכט אים נישט פאר קיין מיליאנער, אבער וועט ער עס נישט אויפהייבן? אודאי יא. אפילו א מיליאנער וועט זיך אראפבייגן עס אויפהייבן.

פארוואס? ווייל אפילו אביסל איז ווערדפול. אויב איר קענט קאנטראלירן אייערע מדות אפילו אביסל, א קליינע תיקון, איז עס אויך אסאך ווערד. אויב איר האלט זיך שטיל אביסל – אנשטאט רעדן טויזנט ווערטער א טאג, וועט איר נאר רעדן 999 ווערטער, איז עס אויך א דערגרייכונג!

די פראבלעם איז אז מענטשן פארשטייען נישט ווי גרויס עס איז יעדע דערגרייכונג אין רוחניות, זיי כאפן נישט אז ווען עס קומט צו רוחניות'דיגע דערגרייכונגען פון אויסארבעטן די מדות איז אפילו די קלענסטע פארבעסערונג אויך גאר אסאך ווערד. וועגן דעם לויפט מען נישט נאך די קליינע געלעגנהייטן.

וועגן דעם זאל זיך קיינער נישט ארויסדרייען דערפון; בלויז ווייל ער קענען נישט ווערן א צדיק ווי משה רבינו מיינט נאכנישט אז ער זאל זיך נישט אראפבייגן אויפצוהייבן כאטש דעם צוואנציגער. (E-1 #)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
**ארויס פון דרוק!**




אידיש!

## פרישע הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב